## פֿאַרנאַכטן

פֿאַרנאַכטן זענען קינדער געפֿונען הינטער פּלויטן
פֿאַרנאַכטן זענען זקנים וואָס קענען נישט דערשטאַרבן
פֿאַרנאַכטן זענען לאָמפּן - עס ברענען שוין די קנויטן.
פֿאַרנאַכטן זענען אויגן פֿון שטילע משוגעים.
פֿאַרנאַכטן זענען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...
פֿאַרנאַכטן זענען רינגען אויף אָפּגעהאַקטע פֿינגער:
בלוט אויף גאָלד - גאָלד אויף בלוט.
פֿאַרנאַכטן זענען אָרעמס פֿון שיינע בעטלערקעס.
פֿאַרנאַכטן זענען פֿאָנען אין פֿאַרשפּילטע שלאַכטן.
פֿאַרנאַכטן זענען פֿידלען בעת טייוואָלים כאַפּן
פֿון שטוב אַרויס די כלה...
פֿאַרנאַכטן זענען פֿענצ טער פֿון פֿאַרלאָזטע שולן,
שויבן קלאָגן אין קאָלירן...

--------------------------------------------------------------

1928